א אויסנאהם געווען איז סטאך, וועלכער איז שוין נישט געשלאפען, נאר געלעגען ביים עק דארף נעבען דער מיהל און געפאשעט אלע בהמות פון דארף. סטאך, בכדי צו פערטרייבען פון זיך דאס אומעטיגקייט, פונ'ם טריבען הערבסטיגען בעגינען, האט ער זיך טיעפער איינגעהילט אין זיין פעלץ, דעם קאפ אריינטערגערוקט טיעפער אונטער דער מיהל, ארויסגענומען פון קעשענע זיין פייפערל, און אנגעהויבען דערמיט אויס צו פייפען הארציגע ליעדלעך, מעלאנכאלישע נגונים וואס זייערע פערבענקטע טענער האבען אבגעקלינגען אין דער ארומיגער שטילקייט.

סטאך'ס פייפען איז געגאנגען אלעמאל העכער און העכער, אוש טייל בהמות האבען אויפגעשטעלט די אויערען איינצוהערען זיך דאס פייפען פון זייער ליבען בעל-הבית. אבער נישט נאר דאס אויפמערקזאמקייט פון זיינע ליבע קיה און קעלבלעך האט ער צו זיך צוגעצויגען. עס איז איהם איין געלונגען אויפצוועקען פון שלאף מיט זיין הארציגען פייפען, די מילנערס וואס האבען געוואוינט אין די דערבייאיגע כאטע נעבען דער מיהל.

זיין פייפען און זינגען האט זיי אלע אויפגעוועקט נישט נאר פון בייטאכטיגען שלאף, נאר אויך פון זייער לאנגען זיעבען-טאגיגען, טרויער-שלאף...

ווען דאס פייפען פון סטאכ'ן האט אויפגעוועקט דעם עלטסטען פון דער פאמיליע, האט ער א שטילען צעטער געטהון, ארויסגעלאזט פון זיין הארץ א טיעפען קרעכץ און אין א יאושדיגען טאן האט ער שטיל געשעפטשעט:

— שוין נאך אלעמען... היינט וועלען מיר שוין מוזען אליין לאזען די מיהל, אליין אנשטעלען די שניגעס געגען ווינד, אלץ אליין, אליין...

און נישט וועלענדיג זיך נעהמען א סך צום הארצען, האט ער אויפגעהערט ווייטער צו טראכטען פון זיין אומגליק. און ער איז גלייך צוגעגאנגען צום בעט פון זיינע צוויי יונגערע ברידער מכאל'קע מיט שלומ'ען, ער האט זיי אויפגעוועקט פון שלאף ווען זיי האבען זיך אויפגעוועקט האט ער עס צו זיי געזאגט.

— גענוג שוין געטרויערט, ברידער, נישט אייביג טאר מען וויינען, נישט אייביג טאר מען טרויערען נאך א פאטער. הייבט זיך שנעלער אויף, און מיר וועלען גהען באלד לאזען די מיהל.

מכאל'קע מיט שלומ'ען, האבען די ווערטער זעהר גערוהרט און מיט טרעהרען אין די אויגען האט מכאל'קע זיך אנגערופען פון בעט:

— איך ווייס נישט, טייערער, ווי קענען מיר געהן אין מיהל, אז אונזער טייערער פאטער איז נישטא, ווער וועט אונז די שטיינער אויסשמידען, ווער וועט אונז די וואלצען גוט צורעגען פינקטליך צו יעדען מאל איבערגעהן פון די תבואה.

דן'ען האבען די ווערטער פון זיין יונגערען ברידער געטראפען ווי דונערען, ער איז געווארען אינגאנצען נידערגעשלאגען, ס'האט איהם געריהרט ביז אין די טיפעניש פון זיין נשמה, וועלכע האבען איהם אויך געמאכט אנלויפען פייכטע טרעהרען אין זיינע אויגען, און דאך אלס דער עלטסטער פון די ברידער, האט ער זיך מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען, דערשטיקט אין זיך דאס ערנסטקייט פון דעם מאמענט, און גענומען טרייסטען זיינע פערוויינטע יונגע ברידער.

ער האט זיי געזאגט:

— טייערע ברידער, איך ווייס אייך דאס זעלבע, אונזער פאטער, אונזער פאטער, ער וועט אונז אויף טריט און שריט פעהלען, זיינע אויגען, זיין קוק, זיינע הענד. אה! זיינע קלוגע רייד וואס פלעגען איבערנעמען מיט זייער קלוגשאפט די גרעסטע פריצים און פויערים. יא, דאס אלץ וועט אונז שוין אויף אייביג פעהלען, אבער מיר טארען נישט אויף דעם שטענדיג טרויערען און וויינען, ווארום מיר זענען דאך געבליבען עלענדע יתומים מיט א מוטער א אלמנה, מיר מוזען ווייטער פיהרען די מיהל ווי שטענדיג.

איבער אלעמענס געזיכטער האט זיך פערצויגען א אומעטיגע מעלאנכאליע, און נאך מינוטען שווייגען האבען זיך אלע שטיל אנגעהויבען אנצוטהון, כדי נישט אויפצוועקען זייער אלטע שוצלאזע מוטער.

ווען אלע זענען שוין געווען אנגעטהון, זענען זיי ארויס אין דרויסען צום מיהל, דן איז צוגעגאנגען צום שפייכלער ארויסנעהמען די לאנגע דרענגער מיט וועלכע מען קירעוועט די מיהל.

— מלאנארושע! — האט זיך סטאך דער פאסטוך צו זיי אנגערופען — א גאנצען בעגינען ווארט איך דא אויף אייך. איהר זאלט לאזען די מיהל. איך האב זייער ליעב צו הערען דאס דרעהען און רוישען זיך פון די שניגעס.

— פאניע סטאך! — האט איהם דן געענטפערט — אויב דו וועסט אונז מיטהעלפען לאזען די מיהל וועט זי באלד אנהייבען געהן.

סטאך האט זיך באלד אויפגעהויבען פון ארט. אריינגעלעגט דאס פייפערל אין קעשענע, און צוזאמען מיט אלע האט ער מיטגעהאלפען אויסצודרעהען די מיהל, אין דער זייט וואו עס האט דער ווינד געבלאזט.

עטליכע מינוט האט געדויערט, און די שניגעס האבען זיך שנעל געדרעהט, און געלאזט הערען נאך זיך א רוישיג ברומען.

דן איז געבליבען שטעהן אליין אין דער הויך פון מיל ביים קליינעם פענסטערל, און ארויסגעקוקט אין ווייטקייט פון די פעלדער פון ארום גאנצען דארף, און מיט א הארץ, פיל מיט טרויער און וועהטאג האט ער צו זיך געמורמעלט:

— אהו! דער ערשטער בעגינען אין מיל, נאכ'ן טאטענס טויט...

---

ש. עלענד

## א טאג איז געשטארבען...

### עלעגיע

שטילע, אומעטיגע, אבל'דיגע שעה'ן
בעגלייטען צום קבר א טאג, א גראהען,
ציהען זיך פוילע, ווי אן שוין בעגעהרען,
און ס'וויינט דער הימעל, קאפעט מיט טרעהרען.

טרויערען אויך מיט, פון מיין שטיבעל, די ווענד
שאטענ'ס פערדעקען זייער פנים, די הענד,
היעלען זיך איין, און סאמעט און שווארצען,
און קדיש רייסט ארויס זיך, פון הארצען...

א בלייכע קומט אן די נאכט פון ווייטען,
רייסט קריעה, שווארץ, און שטום,
שעה'ן קומען צוריק פון קבורות'דיגען בעגלייטען,
און זעצען זיך, שבעה, שטיל, ארום...